## געשיכטע נומער דרייצן

# פונעם פּריזיוו

— פון וואַנען איך פאָר? — רופט זיך אָן צו מיר אַ ייִד אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ באָרדיקער, מיט אַ פלוסן היטל; ער האָט נאָר־וואָס אָפּגעדאַוונט און לייגט־צונויף דעם טלית און תפילין. — פון וואַנען איך פאָר? אַז אָך און ווי איז מיר, איך פאָר פונעם פּריזיוו פאָר איך. דאָס איז מײַנער טאַקע אַ זון, אַט דער יונגערמאַן, וואָס ליגט אָט דאָ אויסגעצויגן אויף דער באַנק. דאָס פאָר איך מיט אים פון יעהופּעץ פאָר איך. געווען בײַ אַדוואָקאַטן זיך אָן עצה האַלטן, און אין איינוועגס בײַ פּראָפעסאָרן האָרכן, וואָס וועלן זיי זאָגן וואָס? אַ פּריזיוו האָט מיר גאָט צוגעשיקט. פיר מאָל געשטאַנען, און נאָך נישט פאַרטיק. און דווקא אַ בן־יחיד, איינאונאיינציקער הייסט דאָס, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק... וואָס קוקט איר מיך אָן וואָס? ס'איז אײַך פּריקרע? איר מעגט דאָס האָרכן מעגט איר עס.

די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז אַזאַ מעשה: אַליין בין איך אַ מעזערעטשער פון מעזערעטש; אַ נולד בין איך, דאָס הייסט אַ געבאָרענער, ווי מע זאָגט, אַ מאַזעפּעווקער; אַ נכתב, אַ צוגעשריבענער הייסט דאָס, אַ וואָראָטיליווקער; דאָס הייסט, אַמאָל בין איך, נישט הײַנט געדאַכט, געזעסן אין וואָראָטיליווקע בין איך, נאָר הײַנט זיץ איך אין מעזערעטש. ווער איך בין און ווי אַזוי איך הייס — איז אײַך קיין גרויסע

נפקא־מינה, דאַכט מיר; נאָר מײַן זונס נאָמען מוז איך אײַך יאָ זאָגן װאָרעם עס געהער זיך אָן צום ענין, און שטאַרק! הײסן הײסט ער איציק, דאָס הײסט אברהם־יצחק, נאָר רופֿן רופֿט מען אים אַלטער; אַזױ האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן, מײַנע זאָל געזונט זײַן, מחמת ער איז אַ ציטעריקער, אײנאונאײנציקער איז ער, אַ בן־יחיד. דאָס הײסט, מיר האָבן געהאַט, אַ חוץ אים, נאָר אַ ייִנגל האָבן מיר געהאַט, אַ ייִנגערן פֿון אים מיט אַ יאָר אָדער אָנדערהאַלבן, אים צו לענגערע יאָר; ער האָט געהײסן אײַזיק האָט ער געהײסן. באַדאַרף זיך טרעפֿן אַן אומגליק, מע האָט אים קינדװײַז, אײַזיקן הײסט דאָס, איבערגעלאָזט אײנעם אַלײן (איך בין, נישט הײַנט געדאַכט, דעמאָלט נאָך געװען אַ װאָראַטילײװקער בין איך נאָך געװען, דאָס הײסט, איך בין געזעסן אין װאָראַטילײװקע); איז זיך מײשב דאָס קינד, אײַזיק הײסט דאָס, און קריכט־צו גלײַך אונ־טערן סאַמאָװאַר און גיסט־אױס אַף זיך אַ זודיקן סאַמאָװאַר, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, און קאַכט זיך אָפּ, אים צו לענגערע יאָר, אַף טױט קאַכט ער זיך אָפּ! פֿון דעמאָלט אָן איז ער, איציק, אברהם־יצחק הײסט דאָס, געבליבן אַ בן־יחיד, און זי האָט אים פֿאַרצױגן, מײַנע זאָל געזונט זײַן, געגעבן אַ נאָמען אַלטער.

װעט איר דאָך פֿרעגן: סטײַטש, אַ בן־יחיד, אײנאונאײנציקער, װאָס געהער זיך אָן מיט אים אַ פּריזיװ, װאָס? הערסטו, אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער פֿאַרדראָס! שאַ! אפשר מײנט איר, חס ושלום, אַז ער איז אַ געזונטער יונג, װי עס גײט זיך אױס אַמאָל אַ קינד, װאָס װאַקסט אין ראַסקאַש? האָט איר אױך אַ טעות. איר װעט פֿאַר אים קײן צװײ גראָשן נישט געבן; אַ פּאַרזעניש, אַ קראַנקער! שײך צו זאָגן אַ קראַנקער? קײן קראַנקער, חלילה, איז ער נישט, נאָר אַ געזונטער אװדאי נישט. אַן עבירה, ער שלאָפֿט איצטער, װײל איך אים נישט װעקן; אָט װעט ער אױפֿשטײן, װעט איר זען אַ סנאָפּ פֿון אַ מענטשן, הױט און בײנער, לאַנג און שמאָל, אַ פּנימל װי אַ פֿײַג, גרוגרת דרבי צדוק, און אַ װוקס, משטײנס געזאָגט, אױסגעצױגן װי אַ לולב, אײנגאַנצן געראָטן אין איר, אין מײַנער, זאָל געזונט זײַן, אױך אַ הױכע און אַ מאָגערע, אַן אײדעלע הײסט דאָס... הײַנט פֿרעג איך אײַך: באַדאַרף איך עפּעס אין זינען האָבן אַ פּריזיװ, אַז דין און לאַנג איז ער, טױגן טױג ער נישט, און אַ װילגאָטע האָט ער?

ס'איז געקומען צום פּריזיוו — ווער מיר ווילגאַטע? וואָס מיר ווילגאַטע? עס הייבט זיך גאַרנישט אָן! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פּשוטע מעשה. דאָס אַנדערע ייִנגל מײַנס, אײַזיק, דער וואָס האָט זיך קינדווײַז, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אָפּגעקאָכט מיטן סאַמאָוואַר, האָט מען פאַרגעסן, אַפּנים, אויסשטרײַכן פון די מעטריקעס. בין איך דאָך אַוועקגעלאָפן צום קאַזיאָנעם רב, צום שוטה, מיט אַ גוואַלד: „סטײַטש, גזלן, רוצח איינער, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? למאי האָט איר נישט אויסגעמעקט מײַן אײַזיקן למאי?" פרעגט ער מיך, דער טיפּש: „ווער איז געווען דער אײַזיק?" „וואָס הייסט, זאָג איך, אײַזיקן ווייסט איר נישט? מײַן זון אײַזיק, דער וואָס האָט איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַמאָוואַר", זאָג איך. „וואָסער סאַמאָוואַר?" — מאַכט ער. „גוט מאָרגן, זאָג איך, איר זײַט אַ היגער? אַ גוטער קאָפּ אַף אײַך! אַף אַזאַ קאָפּ, זאָג איך, איז קוט קנאַקן ניס... ווער געדענקט נישט, זאָג איך, די מעשה מיט מײַן אײַזיקן, וואָס האָט זיך אָפּגעקאָכט מיטן סאַמאָוואַר? איך פאַרשטיי נישט, זאָג איך, וואָס זײַט איר דאָס פאַר אַ ראַבינער באַ אונדז אין שטעטל, אַז קיין שאלות, זאָג איך, פּאַסקודעט איר נישט, דערויף איז פאַראַן, זאָג איך, אַ רב, זאָל מאריך ימים זײַן; איז, דאַכט זיך, אַ יושר, איר זאָלט כאָטש אַכטונג געבן, זאָג איך, אַף די געשטאָרבענע זאָלט איר; אלא נישט — צו וואָס באַדאַרף מען אײַך מיט אײַער טאַקסע?"... צום סוף, הערט וואָס ס'לאָזט זיך אויס. אומזיסט־אומנישט האָב איך אים אָפּגעזידלט, דעם שיינעם רב, וואָרעם די מעשה מיטן סאַמאָוואַר איז גאָר געווען נישט דאָ אין מעזערעטש, ס'איז גאָר געווען בשעת מיר זײַנען, נישט הײַנט געדאַכט, געזעסן אין וואָראָטיליווקע. איך פאַרשטייט אַ מעשה? ס'איז מיר גאָר אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ איז דאָס מיר!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, ביז איך האָב מיך אַ ריר געטאָן, פּאַפּירן אַהער, פּאַפּירן אַהין, האָט מײַן אַברהם־יצחק, איציק הייסט דאָס, וואָס מע רופט אים אַלטער, אָנגעווירן די גאַנצע ווילגאַטע. נישטאָ קיין ווילגאַטע! נישטאָ קיין ווילגאַטע? שלעכט! אַ גוואַלד, אַ געפּילדער, סטײַטש, אַ בן־יחיד, אַ איינאונאיינציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק, און אָן אַ שום ווילגאַטע! נאָר גיי שרײַ חי וקיים — פאַרפאַלן!

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אַף דער וועלט! גייט מײַן

אַלטער, איציק הייסט דאָס, און שלעפּט נישט אַרויס דעם גרעסטן זשערעב, נומער 699? די פּריסוטסטווע האָט זיך דעמאָלט געוויגט. דער פּרינצעדאַטל אַליין האָט אים געגעבן אַ זעץ אין פּלייצע: „בראַוואָ, איצקאָ, מאַלאַדיעץ!" די גאַנצע שטאָט האָט מיר מקנא געווען: נומער זעקס־הונדערט־ניין־און־ניינציק! אָט אַ גליק! מזל־טוב! מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איר לעבן! — פּונקט ווי איך וואָלט דאָ אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די רי״ש אלפים!

נאָר אונדזערע ייִדעלעך... ס'איז געקומען צום פּריזאָם — אַז מע האָט אָנגעהויבן צו בראַקעווען, בראַקעוועט מען נאָך! אַלע זײַנען געוואָרן מיט אַ מאָל וויסטע פֿינצטערע קאַליקעס; דער מיט אַזאַ חסרון, דער מיט אַזאַ חסרון...

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, ס'איז אָנגעקומען צו מײַן זונס נומער 699, און מײַן איציק, אַלטער הייסט דאָס, האָט נעבעך געמוזט מיט זײַן כּבוד שטעלן זיך צום פּריזאָם מיט אַלע שנײַדערס און מיט אַלע שוסטערס, און עס איז געוואָרן בײַ מיר אין שטוב אַ געוויין. שײַך זאָגן אַ געוויין? אַ יללה, חושך! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, לייגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט: סטײַטש, ווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ בן־יחיד, איינאַונאיינציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כּשרער פּערוויזראַדניק — און אָן אַ פּיצל ווילגאָטע? און ער, מײַן זון הייסט דאָס, גאָרנישט, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען: „וואָס עס וועט זײַן מיט כּל ישׂראל, וועט זײַן מיט רב ישׂראל". — אַזוי זאָגט ער כּלומרשט מיט אַ ווערטל, און דער פּופּיק בשעת מעשה ציטערט אים מסתמא גוט, וואָס זאָלט איר דאָ קלערן?

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! פֿירט מען אַרײַן מײַן איציקן, מחילה, אַ נאַקעטן, נעמט דער דאָקטער באַטראַכטן מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, אויסמעסטן אים אין דער לענג און אין דער ברייט, טאַפּן, קוקן, מוטשען, אַהער־אַהין — וואָס, משטיינס געזאָגט, אַז ער טויג ניט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגן טויג ער, נאָר פּאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט): ער כאַפּט נישט סך־הכּל קיין דרײַטהאַלבן ווערשקעס אין דער ברייט כאַפּט ער נישט! ניע גאָדיען, אַ ווײַסער ביליעט... ווידער אַ מאָל אַ שמחה, אַ גדולה, מזל־טוב, מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איר לעבן!... צונויפֿגעקומען זיך די משפּחה, געשטעלט משקה,

געטרונקען לחיים. דאַנקען השם יתברך, געפּטרט דעם פּריזיוו!

נאָר אונדזערע ייִדעלעך... מיינט איר דאָך, אַז עס האָט זיך נישט געפֿונען אַ שייגעץ, וואָס איז אַ בעלן געווען מסרן אין דער גובערניע, אַז איך האָב „געשמירט"? וואָס טויג אײַך, ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען צוויי חדשים פֿונעם פּריזיוו, קומט מיר אָן אַ פּאַפּיר, אַז מע בעט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, ער זאָל זיך מטריח זײַן אַהינצוצו, אין דער גובערסקי פּריסוטסטוויע, נאָך אַ מאָל, „נאַ וואָספּיטאַניע" הייסט דאָס. געפֿעלט אײַך, אַשטייגער, די גוטע שורה, האַ? אַ שיינע חתונה! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, ליגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט: סטײַטש, סטײַטש, צוויי מאָל צום פּריזיוו, אַ בן־יחיד, איינאַונאיינציקער, אַ ריינער, אָן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראַדניק!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, אַז מע רופֿט אין דער גובערניע אַרײַן, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן און מע מוז פֿאָרן. געקומען אין דער גובערניע, הייב איך דאָך מסתמא אָן אַרומלויפֿן, אַהין־אַהער, טאָמער זכות־אָבות, אַ גוט וואָרט — גיי שרײַ „אני שלמה", דערציילן יענעם אַ מעשה, אַ בן־יחיד, איינאַונאיינציקער, און נישט קיין געזונטער דערצו, — מאַכט ער נאָך דאָס גרעסטע געלעכטער! און מײַן זון? אַ שענערן ליגט מען אין קבר אַרײַן. נישט מחמת דער פּריזיוו; ער הערט, זאָגט ער, דעם פּריזיוו הערט ער אין דער לינקער פּיאַטע; אויב ס'איז אים באַשערט, זאָגט ער, דינען וועט ער דינען; נאָר וואָס דען? ער קאָן נישט איבערטראָגן אונדזערע יסורים קאָן ער נישט, דאָס הייסט, די יסורים פֿון די ווײַבער קאָן ער נישט צוזען: אַ גובערסקי פּריסוטסטוויע, אַ קשיה אױף אַ מעשה, טאָמער, איך ווייס? ס'איז דאָך נאָר אַ גורל, ווי זאָגט איר, אַ לאָטעריע איז דאָך עס!

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! מע האָט אַרײַנגעפֿירט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, אין דער גובערסקי פּריסוטסטוויע, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ נאַקעטן, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און מע האָט אים גענומען ווידער אַ מאָל פֿון מה־טובו, באַטראַכטן אין דער לענג און אין דער ברייט, ווידער אַ מאָל טאַפּן, קוקן, מוטשען. וואָס, משטיינס געזאָגט? אַז ער טויג נישט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגן טויג ער, נאָר פֿאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט). איינער

האָט זיך אַפילו געשטעלט אַקעגן און געפּרוּווט אַ זאָג טאָן: „גאָדיען". האָט אים דער דאָקטער אָפּגעהאַקט: „ניע גאָדיען!" דער זאָגט: „גאָדיען", דער זאָגט: „ניע גאָדיען". „גאָדיען, ניע גאָדיען" — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט זיך מטריח געווען פּונעם בענקל, צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „סאָווערשענאָ ניע גאָדיען", דאָס הייסט — ער טויג אויף נײַן־און־נײַנציק כּפּרות... האָב איך באַלד אַוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעש אַהיים, געוויינטלעך פֿאַרשטעלט: „מזל־טובֿ! טאָוואַר אַקאַנטשאַטעלנע זאַבראַקאָוואַן".

דאַרף זיך טרעפֿן אויף מײַן גליק, וועט איר האָרכן אַ שיינס, אַז מײַן דעפּעש קומט־אָן נישט צו מיר אַהיים, נאָר צו מײַנעם אַ געשוועסטער־קינד, מײַן נאָמען טאַקע הייסט ער, אַ ייִד אַ נגיד, און, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, אַ גרויסער דבֿר־אַחר. און ס'איז קיין חידוש נישט — ער האַנדלט מיט אָקסן האַנדלט ער. האָט ער געהאַט אַרויסגעטריבן טאַקע אין דער אייגענער גובערניע אַ פּאַרטיע אָקסן און אַרויסגעקוקט אויף אַ דעפּעש, אַז די אויגן זײַנען אים שיער נישט אַרויס. קאָנט איר פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אים איז געוואָרן אויפֿן האַרצן, אַז מע האָט אים אָפּגעגעבן מײַן דעפּעש: „טאָוואַר אַקאַנטשאַטעלנע זאַבראַקאָוואַן"... איך האָב געמיינט, ער וועט מיך אויפֿעסן אַ לעבעדיקן, אַז איך בין געקומען אַהיים. איר פֿאַרשטייט אַ השגחה פֿון אַ נגיד אַ דבֿר־אַחר, וואָס האַנדלט מיט אָקסן? געגנוג ער נעמט־איבער פֿרעמדע דעפּעשן, איז ער נאָך גערעכט!...

אַצינד וועלן מיר זיך אומקערן נאָכאַמאָל צוריק צו יענער צײַט, ווען איך בין נאָך געזען, נישט הײַנט געדאַכט, אין וואָראָטילעווקע, און מײַן איציק, אַלטער הייסט דאָס, איז נאָך געווען אַ קליין קינד איז ער נאָך. ויהי היום טרעפֿט זיך אַ מעשה, עפּעס אַ רעוויזיע אין שטאָט, מע איז אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און מע האָט איבערגעשריבן איטלעכן באַזונדער, פֿון קליין ביז גרויס, ווי אַזוי ער הייסט און וויפֿל ער איז אַלט, און וויפֿל קינדער האָט ער, צי זכרים, צי נקבֿות, און ווי אַזוי רופֿט מען זיי?... אַז ס'איז געקומען צו מײַן איציקן: ווי אַזוי רופֿט מען אים? זאָגט מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן: אַלטער. איז זיך מיישבֿ יענער, מע זאָגט אים אַלטער — אַ שיינע ריינע כּפּרה; גייט ער און פֿאַרשרײַבט: „אַלטער".

אַוודאי קומט מיר אָן פּונקט אין אַ יאָר אַרום נאָכן פּריזיוו אַ

נײַע בשורה: מע זוכט מײַן זון אַלטערן, ער זאָל זיך שטעלן מחילה צום פּריזיוו אין וואָראָטיליוּוקע! — וואָס סע האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! נאָ דיר אַזאַ נײַס! ברוך הבא, אַ ייִד רב אַלטער!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, מע רופֿט מײַן איציקן, אַלטערן הייסט דאָס, נאָכאַמאָל צום פּריזיוו גאָר איבעראַנײַס! מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, לייגט־אײַן די וועלט, די שנור חלשט. סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מע זאָל אויספּאָרן די גאַנצע וועלט פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק, אַז אַ בן־יחיד, איינאוּנאיינציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פּערוויזראָדניק זאָל באַדאַרפֿן שטיין דרײַ מאָל צום פּריזיוו! נאָר גיי רייד טערקיש, רייד טאַטעריש — וואָס טוט מען וואָס? בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו אונדזער „אַבטשעסטווע", געמאַכט אַ גוואַלד, קוים געפּועלט, צען ייִדן זאָלן אָפּשווערן און חתמענען זיך, אַז זיי ווייסן פּאָזיטיוו, אַז איציק איז אברהם יצחק, און אברהם־יצחק איז אַלטער, און אַז אַלטער און איציק און אברהם־יצחק זײַנען אַלע איין פּאַרשוין.

באַקומען דאָס פּאַפּיר, בין איך אַוועק מיטן פּאַפּיר קיין וואָראָטיליוּוקע. געקומען קיין וואָראָטיליוּוקע — אַ גאַסט! וואָס מאַכט אַ ייִד רב יאָסל? וואָס טוט איר הי? וויל איך דאָך מסתמא נישט אויסזאָגן — צו וואָס דאַרף איך עס? גלײַכער אַז אַ ייִד ווייס ווינציקער. „גאָרנישט, זאָג איך, איך באַדאַרף דאָ האָבן צו אַ פּריץ"... „מכּח וואָס?"... „מכּח פּראָסע, זאָג איך, איך האָב געהאַנדלט, זאָג איך, פּראָסע האָב איך געהאַנדלט, געגעבן אַן אַדערויף, נישטאָ נישט קיין פּראָסע, נישט קיין אַדערויף, פֿאַרפֿאַלן, זאָג איך, די קו מיטן שטריקל!" און לאָז מיך אַוועק גלײַך אין דער פּריסוטסטווע. איך קום אין דער פּריסוטסטווע קום איך, טרעף איך דאָרט אַ שרײַבער פֿון די שרײַבערס און דערלאַנג אים דאָס פּאַפּיר. איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, ווערט ער מלא רציחה, דער שרײַבער הייסט דאָס, און טוט מיר אַ שמיץ דאָס פּאַפּיר אין פּנים אַרײַן מיט אַ מין פֿײַער, מע זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן! סטופּאַיטיע — גיין זאָלט איר, הייסט דאָס, צו אַלדי רוחות מיט אַלע אײַערע נעמען און מיט אַלע אײַערע ייִדישע מאַניפּאָרגעס! „איר ווילט זיך, זאָגט ער, אויסדרייען פֿונעם פּריזיוו, זשידי מאָשעניקי, זאָגט ער, ווערט באַ אײַך פֿון

אברהם — יצחק, און פון יצחק — איציק, און פון איציק — אַלטער. ניין, באַ אונדז גייען נישט אַן אַזעלכע שטיקלעך, שאַכער־מאַכער!"... „נו, קלער איך מיר, וויבאַלד „שאַכער־מאַכער", מיינט ער מסתמא אַ קערבל"... און איך נעם־אַרויס אַ מטבע און וויל אים אַרײַנרוקן אין האַנט אַרײַן, און רוף מיך אָן צו אים שטילערהייט: „איזוויניטיע, וואַשע וויסאָקאָ־פּראַוואָזשיטעלסטווע!"... אַז ער כאַפּט זיך נישט אויף מיט אַ געשריי: „ווזיאַטקי!?"... עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן נאָך שרײַבערס, און, וואָס טויג אײַך, מע האָט מיר געגעבן דעם וועג האָט מען מיר... אַזאַ־נ־אומגליק — באַדאַרף איך אָנטרעפן גראָד אויף אַ „נקי־כפּימניק"!... מאַלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז ער נעמט נישט — צווישן ייִדן ווערט מען נישט פאַרפאַלן; איך האָב געפונען אַ ייִדן, וואָס דורך אים נעמט ער... עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס — און ס'איז געבליבן, אַז איך האָב נאָך אַ זון, וואָס ער הייסט אַלטער. זאָל ער מוחל זײַן, אַלטער הייסט דאָס, זיך שטעלן אין וואָראַטיליוקע צום פּריזיוו זאָל ער זיך. אַ גוט פּעקל!

ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט דאָס יאָר — בין איך שטאַרקער פון אײַזן בין איך! כאָטש אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס האָב איך, שוטה, מורא צו האָבן? צען מאָל פּריזיוו, אַז איך ווייס, אַז ער טויג נישט, דער הונט (שײַך זאָגן, טויג נישט? טויגן טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט); ובפרט, אַז מע האָט אים שוין צוויי מאָל אַרויסגעבראַקעוועט האָט מען אים. נאָר צוריק בין איך זיך מיישב: אַ פרעמדע שטאָט, אַ פּריסוטסטווע מיט „נקי־כפּימניקעס", אַ קשיה אויף אַ מעשה?...

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט! מײַן אַלטער, איציק הייסט דאָס, האָט ווידער אַ מאָל נעצויגן אַ זשערעב, ווידער אַ מאָל זיך געשטעלט צום פּריִאָם, און גאָט האָט אַ נס געטאָן, די וואָראָטיליוקער פּריסוטסטווע האָט אויך געזאָגט „ניע גאָדיען", און האָט אים אַרויסגעגעבן אויך אַ ווײַסן בילעט. האָבן מיר שוין, מיט גאָטס הילף, צוויי ווײַסע בילעטן!

געקומען אַהיים — ששון ושמחה! געמאַכט אַ סעודה, צונויפגערופן כמעט די גאַנצע שטאָט, געהוליעט, געטאַנצט ביז טאָג. וועמען הער איך אצינד? און ווער איז צו מיר גלײַך? אַ קיסר!

אצינד וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צו מײַן אײַזיקן, עליו־השלום, דער וואָס האָט, אים צו לענגערע יאָר, איבערגעקערט אַף זיך דעם סאַמאָוואַר נאָך קינדווײַז, — וועט איר הערן אַ שיינס וועט איר הערן. איר פאַרשטייט אַ מעשה? ניי זײַ אַ נביא, אַז דער שיינער רב דער קאַזיאָנער פון וואָראָטיליווקע וועט אים פאַרגעסן אויסמעקן פון די מעטריקעס, דעם געשטאָרבענעם הייסט דאָס, און עס וועט זיך רעכענען אַף מיר אַ חוב, אַז איך האָב נאָך ערגעץ אַ זון אײַזיק, וואָס באַדאַרף זיך שטעלן הײַנטיקס יאָר צום פריזיוו! נאַ דיר אַזאַ מין באָמבע! וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אַף מיר? ווער מיר אײַזיק? אײַזיק איז שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט! אַזוי טענה איך, האַלט מיך אַן עצה מיט אונדזער ראַבינער: וואָס טוט מען, וואָס? זאָגט ער: „ס'איז נישט גוט!” „פאַרוואָס, זאָג איך, איז נישט גוט, פאַרוואָס? „דערפאַר, זאָגט ער, ווײַל איציק און אײַזיק איז איין נאָמען”. „ווי אַזוי, זאָג איך, איז איציק און אײַזיק איין נאָמען, הכם איינער?” זאָגט ער: „איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אײַזיק”... אַ גוטער משל!

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות? מע זוכט מײַן אײַזיקן, מע טרענט פון מיר די אָדערן, איך זאָל אים שטעלן צום פריזיוו זאָל איך אים! אין שטוב באַ מיר איז געוואָרן אַ נײַער געוויין. שייך זאָגן, אַ געוויין? חורבן בית־המקדש. ערשטנס, האָט מײַן ווײַב, זאָל לעבן, זיך דערמאָנט אינעם געשטאָרבענעם, אויפגעוועקט די אַלטע ווונדן. „נעכײַ וואָלט ער, זאָגט זי, בעסער לעבן און שטיין איצטער צום פריזיוו, איידער, זאָגט זי, ער זאָל ליגן אין דער ערד און די ביינער זײַנע זאָלן פוילן”... והשנית, האָט זי מורא, טאָמער חלילה איז טאַקע, לא יעלה ולא יבוא, ווי דער ראַבינער זאָגט, אַז איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אײַזיק, איז דאָך טאַקע נישט פריילעך!... אַזוי זאָגט זי, מײַן ווײַב זאָל געזונט זײַן, און ליגט־אײַן די וועלט, און מײַן שנור, געוויינטלעך, חלשט! אַ ווערטעלע אויסצוריידן — אַ בן־יחיד, איינאונאייניציקער, אַ ריינער, אַן אמתער, אַ כשרער פערוויזראַדניק, דרײַ מאָל געשטעלט זיך צום פריזיוו, צוויי ווײַסע בילעטן — און איז נאָך נישט פאַרטיק!...

האָב איך גענומען, הייסט דאָס, די פיס אַף די פלייצעס און בין זיך דורכגעפאָרן קיין יעהופּעץ בין איך זיך, אַן עצה האַלטן זיך מיט

אַ רעכטן אַדוואָקאַט, און אגב האָב איך טאַקע מיטגענומען מײַן זון, איך זאָל זײַן מיט אים באַם פּראָפּעסאָר, הערן וואָס דער פּראָפּעסאָר וועט זאָגן, צי טויג ער, צי טויג ער נישט, כאָטש איך ווייס אַליין גאַנץ גוט, אַז ער טויג נישט, דער הונט (שייך זאָגן, ער טויג נישט? טויגן טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט)... און אַז איך וועל הערן וואָס דער אַדוואָקאַט וועט מיר זאָגן און וואָס דער פּראָפּעסאָר וועט מיר זאָגן, וועל איך שוין דעמאָלט קאָנען שלאָפן רויִק, אויפהערן האָבן צו טאָן מיטן פּריזיוו... צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? עס לאָזט זיך אויס, אַז די אַדוואָקאַטן מיט די פּראָפּעסאָרן ווייסן אַלע מער פון אַ טויטן ווייסן זיי. אַז דער זאָגט אַזוי, און דער זאָגט אַזוי; וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר. דול און משוגע צו ווערן! וועט איר הערן.

צום ערשטן אַדוואָקאַט האָב איך אָנגעטראָפן אויף איינעם אַ גראָבן קאָפּ אַ שטומפּיקן, און דווקא מיט אַ גרויסן שטערן און מיט אַ גלאַטן קאָפּ, אַ ליסינע, כאָטש נעם קאַטשע־אויס אויף איר אַ בלאַט לאָקשן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, דער חכם, ווער איז אַלטער, און ווער איז איציק, און ווער איז אברהם־יצחק, און ווער איז געווען אײַזיק? דערציילט איך אים דאָך איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז אַל־טער און איציק און אברהם־יצחק — דאָס איז איין מענטש, און אײַזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך געווען אַ וואָראָטיליווסקער, אין וואָראָטיליווסקע הייסט עס... מײַן איך, אַז איך בין שוין מיט אים פאַרטיק. צום סוף טוט ער מיך אַ פרעג נאָך איבעראַנײַס: „פּאַזוואָלטי, שטייט נאָר שטיים, ווער־זשע איז צווישן זיי דער עלטערער, איציק, צי אַלטער, צי אברהם־יצחק?” „אָט האָסטו דיר! — מאַך איך צו אים, — איך האָב אײַך שוין, דאַכט זיך, פופצן מאָל געזאָגט האָב איך אײַך, אַז איציק און אברהם־יצחק און אַלטער איז אַלץ איין פּאַרשוין, דאָס הייסט, דער אמתער נאָמען זײַנער איז איציק, דאָס הייסט אברהם־יצחק, נאָר רופן רופט מען אים אַלטער, די מאַמע זײַנע, זאָג איך, האָט אים אַזוי פאַרצויגן, און אײַזיק, זאָג איך, איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, בשעת איך בין נאָך געווען אַ וואָראָטיליווסקער, אין וואָראָטיליווסקע הייסט עס”... „ווען־זשע, מאַכט ער, וואָסער יאָר הייסט דאָס, איז געשטאַנען אברהם־אַלטער, מײַן איך, יצחק־אײַזיק, צום פּריזיוו?” „וואָס בעלעבעטשעט ער?

— זאָג איך. — וואָס האָט איר צונויפגעמישט קאַשע מיט באָרשט? דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן, זאָג איך, טרעפט זיך מיר, אַז אַ ייִד זאָל טראָגן אַף זיך אַזאַ גוייִשן קאָפּ, זאָג איך! מע זאָגט דאָך אײַך, אַז יצחק און אברהם־יצחק און איציק און אײַזיק און אַלטער — דאָס איז אַלץ איין מענטש! איין מענטש!" — „שאַט, זאָגט ער, שרײַט ניט אַזוי, וואָס שרײַט איר?"... איר האָרכט? ער איז נאָך גערעכט!...

בקיצור, כ'האָב אַ שפּײַ געטאָן און אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדער אַדוואָקאַט, און האָב אָנגעטראָפן שוין דווקא אַף אַ גמרא־קעפּל האָב איך אָנגעטראָפן, נאָר אַביסל שוין צו פיל איבערגעשפּיצט. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן און געלערנט דעם פּשט, געדרייט, געמוטשעט די זאַקאָנעס, געדרונגען, אַז נאָ אָסנאָוואַניע טאַקאָי טאָ סטאַטיאַ האָט די מעזוערעטשער פּריסוטסטוויע אים גאָר ניט געטאָרט צושרײַבן. נאָר וואָס דען? ס'איז פאַראַן אַ זאַקאָן, זאָגט ער, אַז וויבאַלד די פּריסוטסטוויע האָט אים יאָ צוגעשריבן, דאַרף אים יענע פּריסוטסטוויע אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס. און ווידער איז פאַראַן, זאָגט ער, אַ זאַקאָן, אַז די פּריסוטסטוויע האָט אים צוגעשריבן און יענע פּריסוטסטוויע האָט אים ניט אויסגעשריבן, „וויקליוטשאַיעט" הייסט עס, מוז זי אים אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס. און ווידער איז פאַראַן אַ קאַסאַציע, אַז וויבאַלד יענע פּריסוטסטוויע וויל ניט אויסשרײַבן, „וויקליוטשאַיען" הייסט עס...

בקיצור, אַזאַ זאַקאָן און אַזאַ זאַקאָן, אַזאַ קאַסאַציע און אַזאַ קאַסאַציע — ער האָט מיר אָנגעקאַסאַציעט אַ פולן קאָפּ האָט ער מיר אָנגעקאַסאַציעט, און איך האָב געמוזט גיין צו אַ דריטן האָב איך געמוזט, און האָב אָנגעטראָפן אַף אַ נײַעם שלים־מזל, נאָך גאָר אַ יונג אַדוואָקאַטל, נאָר־וואָס פון דער נאָדל אַרויס, דאָס הייסט, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיקט „יורי", זייער אַ צוגעלאָזט מענטשל אַפילו, מיט אַ ציינגעלע ווי אַ גלעקל — און סע קלינגט. ווײַזן ווײַזט אויס, אַז ער לערנט זיך נאָך ריידן לערנט ער זיך, מחמת אַז ער רעדט, זעט מען, אַז ער האָט הנאה האָט ער, ממש סע קומט אים צו אַ שטיק געזונט. ער האָט זיך אַזוי צערעדט, אַזוי צעפלאַסערט, געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה געהאַלטן, אַז איך האָב געמוזט אים איבערשלאָגן אין מיטן און זאָגן: „זייער פײַן, זאָג איך, איר זײַט אַוודאי זייער גערעכט; נאָר וואָס טויג מיר, זאָג איך, אײַער ווײנען, וואָס איר

באַווײַנט מיך? איר גיט מיר בעסער אַן עצה, זאָג איך, מיט מײַן זון וואָס טו איך, טאָמער חלילה טוט מען אים אַ רוף טאָמער?"

קיצור הדבר, וואָס טויג אײַך היסטאָריעס — זאַכן — מעשיות, איך האָב מיך דערשלאָגן צום רעכטן, צום אמתן אַדוואָקאַט. דאָס איז, פֿאַרשטייט איר מיך, שוין אַן אַדוואָקאַט פֿון די אַלטע אַדוואָקאַטן, אַן אַדוואָקאַט, וואָס פֿאַרשטייט אַ ענין. איך האָב אים אויסדערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון אלף ביז תיו, און ער איז געזעסן די גאַנצע צײַט צוגעמאַכט די אויגן און געהאָרכט. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר: „שוין? האָט איר שוין געענדיקט? פֿאָרט אַהיים, ס'איז בלאָטע, מער ווי דרײַ הונדערט קערבלעך שטראָף וועט איר נישט צאָלן". „אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך. — ע! איך זאָל וויסן, אַז דאָ שמעקט נאָר מיט דרײַ הונדערט קערבלעך שטראָף! איך האָב מורא פֿאַר מײַן זון האָב איך מורא!" „וואָסער זון?" „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָסער זון? מײַן אַלטער, איציק הייסט דאָס!" „וואָס געהער זיך דאָס אָן, זאָגט ער, מיט איציקן?" „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָס סע געהער זיך אָן? טאָמער, חלילה, שלעפּט מען אים נאָך אַ מאָל טאָמער?" „ער האָט דאָך, זאָגט איר, אַ ווײַסן בילעט". „ער האָט, זאָג איך, צוויי ווײַסע בילעטן!" „נו, אם כן, וואָס־זשע ווילט איר?" „וואָס זאָל איך וועלן? ווילן וויל איך גאָרנישט; איך האָב נאָר מורא, זאָג איך, אַזוי ווי מע זוכט איצטער אײַזיקן, און אײַזיק איז נישטאָ, און אַזוי ווי אַלטער, איציק הייסט עס, שטייט פֿאַרשריבן אַבֿרהם־יצחק, און יצחק — אַזוי זאָגט דער ראַבינער אונדזערער דער לעקיש — איז איסאַק, און איסאַק איז איזאַק, און איזאַק איז אײַזיק, קאָן מען חלילה זאָגן אויף מײַן איציקן, אָדער אַבֿרהם־יצחקן, אַלטערן הייסט דאָס, אַז ער איז דאָס דער אײַזיק!" „נו, וואָס־זשע איז, מאַכט ער; אַדרבה, נאָך גלײַכער! אויב איציק איז אײַזיק, וועט איר פֿאַרשפּאָרן צאָלן שטראָף אויך. ער האָט דאָך, זאָגט איר, אַ ווײַסן בי־לעט?" „צוויי, זאָג איך, ווײַסע בילעטן! די בילעטן האָט אָבער איציק, נישט אײַזיק". „איר זאָגט דאָך, מאַכט ער, אַז איציק איז אײַזיק?" „ווער זאָגט דען, זאָג איך, אַז איציק איז אײַזיק?" „אָט האָט איר דאָך נאָר־וואָס, זאָגט ער, געזאָגט, אַז איציק איז אײַזיק!" „איך זאָג? ווי קאָן איך, זאָג איך, זאָגן אַזאַ זאַך, אַז איציק איז גאָר אַלטער, און אײַזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקערט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך

געוועזן אַ וואָראָטילױוקער, אין וואָראָטיליוזקע הייסט עס!"... ווערט ער אָנגעצונדן און הייסט מיר גיין: „סטופּאַיטיע, זאָגט ער, ווי, זאָגט ער, נאַדאָיעדליווע, זאָגט ער, יעווריי", זאָגט ער!... איר פֿאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? דאָס הייסט: איך בין אַ נודניק. איר הערט? איך בין אַ נודניק! איך!!!

עודע געשיכטע נומער דרײַצן.

געשריבן אין יאָר 1902